

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויחי תשפ"א לפ"ק

גליון ק"ן

## פראגע

### ווען יעקב אבינו האט געזאגט צו שמעון און לוי "ארור אפם", האט זיי יעקב געשאלטן?

## ענטפער:

ווען יעקב אבינו האט געזאגט צו זיינע זין "ארור אפם" – פארשאלטן איז ענקער צארן, האט ער זיי נישט געשאלטן, ער האט זיי אייגנטליך **געבענטשט**. וויאזוי ווייס איך? ווייל סוף פון די פרשה שטייט, "איש אשר כברכתו ברך אותם" – ער האט יעדן איינעם פון די שבטים געבענטשט מיט זיין ברכה.

איז עס געווען א ברכה ווען ער האט געזאגט "ארור אפם"? און דער ענטפער איז **יא!** און די ברכה איז געווען "אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל" – אז אנשטאט זיי זאלן וואוינען צוזאמען אויף איין פלאץ, וואו זיי קענען מאכן פראבלעמען מיט זייער כעס, וועלן זיי וואוינען צעשפרייט צווישן די אנדערע אידן.

זיי גייען נישט האבן קיין נחלה אין ארץ ישראל זיך צו באזעצן צוזאמען, וויבאלד זיי זענען היציגע מענטשן איז עס נישט גוט פאר זיי, און ס'איז נישט גוט פאר'ן עם ישראל. דערפאר איז בעסער זיי צו צעשפרייטן צווישן אלע אנדערע אידן. דעריבער האבן די לוים און די כהנים געוואוינט אין די שטעט פון די לוים; וואס איז געווען אויסגעשפרייט **איבעראל**. זיי האבן נישט געהאט איין פלאץ וואו זיי קענען זיין צוזאמען, ווייל איינמאל היציגע קעפ קומען זיך צוזאם, ווער ווייסט וואסערע פראבלעמען זיי קענען מאכן!

איז עס געווען א קללה, אדער אן עונש? ניין, ס'איז געווען א ברכה פאר זיי. איז די סיבה פארוואס זיי האבן נישט געהאט קיין אייגענע לאנד איז אויך געווען כדי זיי זאלן דארף בעטן פון מענטשן **מעשר**.

א מענטש וואס דארף צוקומען צו הילף פון אנדערע מענטשן זיי אויסצוהאלטן מיט מעשר, דארף זיך אויפפירן איינגעהאלטן. אויב מען האט אן אייגענעם פארם, איז מען זעלבסטשטענדיג; מען קען זיין א גערעגטער מענטש און א 'טראבל-מעיקער', ספעציעל ווען אלע זאלן ווען וואוינען צוזאמען אויף איין פלאץ. אבער יעצט אז זיי זענען צעשפרייט און יעדע לוי דארף צוקומען צו אנדערע מענטשן אים צו געבן מעשר – א צענטל פון די פראדוקציע – דארף ער זיין איינגעהאלטן, און זיין איידל צו יעדן איינעם. מען קען נישט זיין גערעגט. אויב ביזטו גערעגט, האסטו נישט קיין פרנסה.

במילא איז עס געווען א גוואלדיגע טובה פאר זייער עתיד.

## פראגע

### דער רב האט געזאגט היינט אז יאשקע איז מער-ווייניגער געווען א שומר תורה ומצות, און נאר די שפעטערדיגע קריסטן האבן באשאפן א נייע רעליגיע. אבער פארוואס ווערט יאשקע גערופן א מסית ומדיח אין די גמרא?

## ענטפער:

יאשקע ווערט פאררעכנט אלס א מסית ומדיח ווייל ער האט אפגעשפעט פון די חכמים און האט ערמוטיגט זלזול אין די חכמים. און איינער וואס שטעלט זיך קעגן די חכמי התורה איז חייב מיתה. מיר ווייסן אז **"כל העובר על דברי חכמים חייב מיתה"** – איינער וואס איז עובר אויף די ווערטער פון די חכמים קומט זיך טויט-שטראף (ברכות ד' ע"ב). די חכמי התורה זענען די עיני העדה, די אויגן פונעם פאלק, און א געטרייער איד קוקט אן די וועלט דורך זייערע אויגן. אויב א מענטש אויפ'ן גאס גייט ארום, מיט אפאר ליידיגייערס וואס גייען אים נאך, און ער איז מלגלג על דברי חכמים - ער מאכט ליצנות קעגן די חכמים, ער שפעט פון זיי, ער ערמוטיגט אנדערע זיי אפצושפעטן, האט ער פארלוירן זיין רעכט צו עקזיסטירן. דאס הייסט א מסית.

אבער האט יאשקע אליינס געדינט עבודה זרה? ניין. ער וואלט ניטאמאל געטראכט פון עבודה זרה. איר דארפט וויסן אז ער איז געווען א איד. און אויב טרעפט איר אמאל אויסדרוקן וואס

ווערט צוגעשריבן צו אים און עס קוקט אויס פון דעם אנדערש, דאס קען זיין פון שפעטערע שרייבערס וואס האבן אריינגעלייגט די ווערטער אין זיין מויל, ווי גלייך ער האט עס געזאגט. אבער ס'איז נישט מסתבר אז ער האט עס געזאגט. ניין, עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל אז ס'איז זיינע ווערטער. ווייל מיר ווייסן אז ער איז געווען א איד. ער האט געזאגט דאס פאלגענדע – און איך זאג אייך יעצט וואס עס שטייט אין די ברית החדשה – "אויב עמיצער לייקנט אפילו א קוצו של יוד פון די תורה, האט דער מענטש נישט קיין פלאץ אויף דער וועלט."

אלע אידן זענען געווען אזוי אמאליגע צייטן. ער האט זיך נאר קעגנגעשטעלט די חכמי התורה. און דאס ווייסן מיר. מיר ווייסן אז ער האט זיך קעגנגעשטעלט די חכמים און ער האט פרובירן צאמצונעמען מענטשן פאר דעם צוועק. און דאס איז אן אויסטערלישע עבירה. בלויז פאר דעם האט ער פארלוירן זיין רעכט צו לעבן. וועגן דעם ווערט ער גערופן א מסית. ‎#E-186

## פראגע

## וואס איז די גאנצע מצב וואס מענטשן מאכן וועגן דעם נייעם יאר 2000?

## ענטפער:

בעצם, אין פאקט, איז נישט דא אזא זאך ווי די יאר 2000. עס איז צווי טויזנט יאר זייט **לא כלום**, זייט גארנישט. ערשטנס כל, עס זענען דא היסטאריקער וואס זאגן אז דער אותו האיש איז קיינמאל נישט געבוירן געווארן. לא היה ולא נברא. במילא איז עס צווי טויזנט יאר וואס מען ציילט פון גארנישט. און אפילו ער האט יא געלעבט, איז עס אויך פון גארנישט.

סיי–וויאזוי, רשעים קענען אייביג מאכן נוצן פון די פראפעגאנדע. דאס קען זיין. זיי קענען מאכן ראיאטן, די רשעים. ווען זיי הערן אזויפיל פראפעגאנדע, קענען זיי טראכטן צו מאכן נוצן פון דעם געלעגנהייט צו מאכן פראבלעמען. זיי טוען עס, ווייסט איר. זיי זענען גוט אין ארויסקוקן פאר געלעגנהייטן צו מאכן פראבלעמען.

דעריבער, אין דעם נאכט וואלט געווען א גוטע געדאנק צו בלייבן אינדערהיים. אויב רשעים קענען זוכן צו מאכן פראבלעמען, איז עס אייער אחריות זיכער צו מאכן אז איר און אייער משפחה זענען באשיצט. מאכט זיכער צו בלייבן אינדערהיים די נאכט. עס איז נישט דא קיין סיבה צו זיין אינדרויסן. פארוואס דארף מען זיין אינדרויסן מיט נידריגע מענטשן, וואס פארפאטשקען זייער לעבן צו פייערן גארנישט? עס איז גארנישט מיט נישט.

דער אויבערשטער זאל מציל זיין כל עמך בית ישראל פון אלע פראבלעמען, פון די גוים, די רשעים, וואס זוכן געלעגנהייטן צו מאכן צרות. ‎(#E-210)

## פראגע

## וויאזוי קענען מיר פארמיידן די אסימילאציע פון אידישע קינדער וואס זענען אין די פובליק סקולס?

## ענטפער:

וויאזוי קען א מענטש זיך אויסהיטן פון דערטראנקען ווערן אינעם אטלאנטיק אקעאן? און דער ענטפער איז: האלט דיין פיס טרוקן. איינער וואס וויל נעמען א טבילה אינעם אטלאנטיק אקעאן, דארף וויסן אז ער זאל בעסער זיין א גוטער שווימער. און קינדער ווייסן נישט וויאזוי צו שווימען קעגן אסימילאציע! במילא איז דער איינציגסטער ענטפער נישט צו גיין אהין. אויב א אידיש קינד איז איינגעשריבן אין א פובליק שולע, איז ער איינגעשריבן אין די בעסטע קורס אין אסימילאציע, און עס איז דא זייער ווייניג וואס מ'קען טון ווילאנג ער איז דארט. (#490)

## פראגע

## וואס איז די בעסטע וועג צו האנדלען מיט א שווער?

## ענטפער:

לאכטס נישט. עס איז זייער א וויכטיגע שאלה. און דער ענטפער איז: אז די בעסטע וועג איז אים אייביג צו מכבד זיין און זיך האלטן שטיל. זיי מכבד דיין שווער און האלט דיין מויל פארמאכט. ווי ווייניגער דו רעדסט אלס מער וועט ער דיר גלייכן. ער וועט טראכטן אז דו ביזט עפעס ספעציעל, אויב דו האלטסט דיין מויל פארמאכט.

איינמאל דו עפנסט דעם מויל, זעט ער ווער דו ביזט, און דו פארלירסט רעספעקט...

עס איז זייער וויכטיג צו וויסן אז צו די ווייב'ס קרובים דארף מען אייביג שמייכלען. שמייכל אלעמאל און האלט דיך שטיל. און זיי וועלן דיך ליב האבן. אויב אבער עפנסטו דיין מויל, ביזטו אויף צרות... ‎# E-183

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב